ב"ה

# דבר תורה

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פרשת לך לך

---

### לך לך (א)

כמדובר כמה פעמים, אז ס'איז שוין "כלו כל הקצין", און כבוד קדושת, מורי וחמי אדמו"ר נשיא דורנו האט מודיע געווען אז מ'האט שוין תשובה געטאן, און מ'האט שוין אויך "צוגעפוצט די קנעפ", און לויט אלע סימנים איז דורנו דער דור האחרון פון גלות ובמילא דער דור הראשון פון גאולה. ועל פי זה איז מובן, אז ס'איז אן ענין שהזמן גרמא - אז מ'זאל זיך גרייטן בפועל צו "לך לך מארצך גו' אל הארץ אשר אראך", תיכף ומיד ממש.

... על פי המדובר לעיל, אז בדורנו זה במיוחד (דער דור האחרון אין גלות און דור הראשון פון גאולה) שטייט בהדגשה יתירה די עבודה פון "לך לך מארצך גו' אל הארץ אשר אראך", וקנין כל העשר ארצות - איז פארשטאנדיק, אז דאס דארף זיך לכל לראש אפשפיגלען אין דער עבודה מעין זה פון אידן, דורך דעם וואס ער איז מוסיף אין לימוד התורה, ניט נאר לויט זיינע ג' מוחין השייכים למדות, נאר אויך ג' מוחין בעצם. וואס דאס איז במיוחד - דורך מוסיף זיין אין לימוד פנימיות התו רה (כולל בביאור ענינים אלו דעבודת המוחין), כולל - בעניני הגאולה ומשיח צדקנו.

(ש"פ לך-לך תשנ"ב)

### לך לך (ב)

מען דערציילט אויף איינעם פון די צדיקי פולין ווען ער איז נאך געווען גאר בקטנותו (זיינע קינדער יארן) - אז ווען מ'האט פון אים מונע געווען (צוריק געהאלטן) אן עפעל, האט ער געזאגט די ברכה "בורא פרי העץ", און דורך דעם מכריח געווען (געצוואונגען) צו געבן אים דעם עפעל.

ובנוגע לענינינו: דורך דעם גופא וואס אידן וועלן זיין שמח בשמחת הגאולה, מצד דעם בטחון אז דער אויבערשטער וועט ברענגען משיח'ן גאר אינגיכן - איז דאס גופא וועט כביכול ברענגען נאך גיכער (אחישנה) דעם אויבערשטען, אבינו שבשמים, צו ממלא זיין (דערפילן) משאלות לבבם (דאס געבעט פון זיין הארץ) פון זיינע קינדער.

פשוט אז דאס אלעס איז כלל וכלל ניט דער ענין פון דוחק זיין את הקץ.

נאר - וועגן לערנען תורה ומקיים זיין מצוות בשמחה ובהוספה, כולל אויך ופשיטא -

טראכטן וועגן פירוש המילות כפשוטו, ווען ער שטייט פארן אויבערשטן און בעט ביי אים: "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" און - "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח" - און

מיינען עס מיט אן אמת.

און דאמאלס - וועט ער א פרעג טאן בא זיך אליין: וואס האב איך היינט געטאן אין דעם?
(ש"פ לך לך ח' מ"ח תשמ"א, לקו"ש ח"כ)

*

*על ידי חיזוק ההתקשרות בלימוד תורתו וקיום הוראותיו*
*נזכה תיכף "זעהן זיך מיט'ן רבי'ן" בעיני בשר*
*והרבי יוליכנו אל הגאולה*

יוצא-לאור ע"י:
כיתה ג (ד) של
*מוסד חינוך "אהלי תורה - אהלי מנחם"*
667 איסטערן פארקוויי
כאן צוה ה' את הברכה
ברוקלין, ניו יארק
E-Mail: Editor of Dvar Torah
עורך: הרב דוד שי' הערצל

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד**

Back to "Dvar Torah"